שלום עליכם, דאָ רעדט ריינע־נחמה שעכטער. אפֿשר קענט איר מיך פֿון... ווי די עלטערע פֿון די שעכטער־טעכטער, אָדער פֿון אַנדערש ווּ אין דער ייִדיש וועלט. אָבער הײַנט וועל איך רעדן מיט אײַך וועגן ווי אַזוי דער אופֿן וואָס מ'האָט מיך אויפֿגעהאָדעוועט האָט געהאַט אַ השפּעה אויף מײַנע אינטערעסן, און מײַן פֿאָרשאַרבעט הײַנט, און אין אַלגעמיין אין מײַן אידענטיטעט ווי אַן אוניווערסיטעט סטודענט, ווי אַן 21־יעריק מיידל. איז איך וויל אָנהייבן, העט פֿון אָנהייב. אַפֿילו פֿאַר די שעכטער־טעכטער, וואָס דאָס איז די גרופּע אין וועלכן איך זינג מיט מײַן שוועסטער טעמע, וואָס מיר האָבן דאָס אָנגעהויבן, דאַכט זיך...אין ווינטער 2008 איז געווען אונדזער ערשטער, אונדזער פּרעמיער פֿאָרשטעלונג ווי די שעכטער־טעכטער. אָבער פֿאַר דעם האָב איך געזונגען מיט די פּריפּעטשיק זינגערס, וואָס דאָס איז געווען אַ קאַפּעליע פֿון קינדער, פֿאַרשידענע עלטער וואָס זייערע עלטערן האָבן מיט זיי... וואָס כאָטש איינע פֿון זייערע עלטערן האָט מיט זיי גערעדט ייִדיש. איז ס'איז געווען אַ שולע, די פּריפּעטשיק שולע. און מיר האָבן אויך געזונגען און אויפֿגעטרעטן צוזאַמען... געוואָרן די פּריפּעטשיק זינגערס, אונדזער בינע פּערזענליכקייט... און נאָך דעם וואָס אַלע עלטערע פּריפּעטשיק זינגערס זענען אויפֿגעוואַקסן, זענען געגאַנגען אין אוניווערסיטעט, זענען מײַן שוועסטער טעמע און איך געבליבן די איינציקע פּריפּעטשיק זינגער... פּריפּעטשיק זינגערס. און דערנאָך זענען מיר געוואָרן די שעכטער־טעכטער, וואָס אַ דאַנק דעם, האָבן מיר געקענט אַ ביסל לײַכטער רעפּיטירן מיטן טאַטן, און מיר האָבן געקענט אַ ביסל מער ערנסט אַרומפֿאָרן מיט אונדזער רעפּערטואַר.

איז מיר האָבן מסתּמא געזונגען צוזאַמען... מיר האָבן זיכער געזונגען צוזאַמען צענדליקע מאָל צווישן 2008 און פֿאַראַיאָרן. אָבער דאָך אין די לעצטע פּאָר יאָר איז געוואָרן אַ ביסל שווערער אויפֿצוטרעטן אַזוי אָפֿט ווי מיר האָבן אַ מאָל ווײַל... אויפֿגעטראָטן... ווײַל איך גיי אין קאָלעדזש און מײַן ייִנגער שוועסטער איז... גייט נאָך אין מיטלשול און איבער אַ יאָר וועט זי גיין אין קאָלעדזש. איז באמת איז נישט געבליבן קיין סך צײַט וואָס מיר האָבן געקענט אַרבעטן אויף נײַע לידער און קאָאָרדינירן אונדזערע צײַטפּלענער כּדי אַז מיר זאָלן קענען אויפֿטרעטן אַזוי אָפֿט. אָבער דאָך איז מײַן אידענטיטעט ווי אַ שעכטער־טאָכטער, און איך בין זיכער אַז טעמע וואָלט מסכּים געווען מיט דעם, האָט באמת געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף אונדזערע אינטערעסן. און אַפֿילו דאָס וואָס אונדזער טאַטע איז אַ ייִדישער מוזיקער וואָס ער פֿירט אָן מיט אַ ייִדישן כאָר, זענען מיר שטענדיק געווען, מיר האָבן שטענדיק געהערט מוזיק ווען מיר זענען אויפֿגעוואַקסן. און צוליב דעם בין איך אין מיטלשול, האָב איך אָנטיילגענעמען* אינעם* מוזיקאַל. און איך ווייס אַז טעמע זינגט אין עטלעכע כאָרן און זי גייט אין אַ קינצטלערישן מיטלשול. אָבער יאָ, איך בין געווען שטאַרק פֿאַרינטערעסירט אין פֿאַרשידענע מינים מוזיק און פֿאַרשידענע, אין טעאַטער, און אַזוי ווײַטער. אָבער ווען איך בין אָנגעקומען אין יעל אוניווערסיטעט, וואָס איינע פֿון די סיבות וואָס איך האָב אויסגעקליבן יענער אוניווערסיטעט איז געווען צוליב דעם וואָס ס'איז דאָ אַזאַ שטאַרקער טעאַטער, בפֿירוש מוזיקאַלישער טעאַטער פּראָגראַם, בין איך געווען איבעררעאַשט וואָס אין מײַן ערשט יאָר האָב איך נישט אַפֿילו אויסגעפּאָרשט די טעאַטראַלישע... דאָס הייסט, די פֿאָרשטלונג אין וועלכן איך האָב געקענט זײַן, און איך האָב נישט אויסגעפּאָרשט די פּראָבעס ווײַל איך האָב זיך בעטייליקט אין אַן אַ קאַפּעלע גרופּע, וואָס דאָס איז ביז איצט געוון מײַן גרויסע "קלאָב"... אָדער... איך ווייס נישט ווי אַזוי מ'זאָגט דאָס אויף ייִדיש אָדער אויף ענגליש... מײַן גרויסע אַקטיוויטעט אין אוניווערסיטעט.

און פֿאַר אַ יאָרן, ווען איך בין געווען אַ דריטיאָרלער בין איך דווקא געווען דער מוזיק־דירעקטאָר פֿון מײַן אַ קאַפּעלע גרופּע. וואָס דאָס, מסתּמא אַז מײַן טאַטע וואָלט נישט געווען בנימין שעכטער, וואָלט אפֿשר געווען אַ ביסל אַ שווערערער אָפּקומעניש. אָבער אַ דאַנק דעם וואָס איך האָב געזונגען און מוזיק איז געווען אומעטום ווען איך בין אויפֿגעוואַקסן, האָט עס געפֿילט ווי אַ נאַטירליכע ראָלע וואָס איז זאָל פֿילן.

אָבער דער נאָך, פֿרעגט זיך, איז ווי, וואָס קומט פֿאָר מיטן ייִדיש? וואָס איך מיין, אין מוזיק איז קלאָר אַז איך באַטייליק זיך נאָך, אַז איך זינג נאָך, אויף ענגליש און אויף ייִדיש, אין שול און מיט טעמען. אָבער וואָס טו איך מיט ייִדיש? מיט דעם וואָס איך בין אויפֿגעוואַקסן מיט ייִדיש און רעד נאָך אַלץ ייִדיש. איז ביז לעצטנס איז עס באמת פּשוט געווען טייל פֿון מײַן אידענטיטעט, עפּעס וואָס איך האָב יאָ געשריבן וועגן דעם אין מײַנע עסעיען פֿאַר קאָלעדזש, געשריבן וועגן דעם וואָס איך האָב געזונגען אויף ייִדיש, וואָס איך האָב גערעדט ייִדיש. און איך האָב אויך איבערגעזעצט וואָלאָטיר— ווי אַ וואָלאָטיר פֿאַר מוזעיען, און אַזוי ווײַטער. אָבער הײַיאָר, ווען איך האָב זיך געדאַרפֿט פֿאַרנעמען — אָדער, ס'איז שוין 2017 — פֿאַראַיאָרן, ווען איך האָב געדאַרפֿט אָנהייבן טראַכטן וועגן מײַן טעזע וואָס איך וואָלט געדאַרפֿט שרײַבן פֿאַר מײַן געשיכטע הויפּט־לימוד, איז מיר אײַנגעפֿאַלן, ווי אַזוי וואָלט איך געקענט ניצן ייִדיש אין אַן אויפֿן וואָס היסטאָריקער האָבן פֿריער נישט באמת גענוצט ייִדיש? און איך געפֿין נאָך

אַלץ אַז אין דער היסטאָרישער וועלט, עטלעכע פֿון די פּראָפֿעסאָרן וואָס לערנען מזרח־אייראָפּעיִשע געשיכטע, בפֿרט — און אַפֿילו ייִדישע געשיכטע פֿון מזרח־אייראָפּע — זייער ייִדיש איז אָדער זייער שוואַך אָדער האָבן זיי זיך קיין מאָל נישט זיך* אָפֿיציעל אויסגעלערנט ייִדיש און זיי קענען פּשוט דײַטש און קענען לייענען העברעיִש און אַזוי האָבן זיי זיך געגעבן אַן עצה. איז מײַן— ווי אַזוי זאָגט מען 'אַדווײַזער' (בעל־יועץ)* פֿאַר מײַן— איך'ל זיך דערמאָנען שפּעטער, און דערנאָך וועל איך זיך אויסבעסערן. אָבער מײַן בעל־יועץ*, וואָס ער איז אַ באַרימטער היסטאָריקער, האָט געשריבן עטלעכע ביכער, הייסט טימאָטי סנײַדער. ער האָט מיר אַליין געזאָגט אַז ער האָט זיך קיין מאָל נישט געלערנט ייִדיש. האָב איך געטראַכט, אַז טימאָטי סנײַדער וואָס קען פֿערצן שפּראַכן און דאַכט זיך ער רעכנט יאָ אויס ייִדיש ווי איינע פֿון די שפּראַכן וואָס ער קען לייענען. אָבער איך בין געווען שאָקירט וואָס ער, אַ היסטאָריקער פֿונעם חורבן באמת קען נישט קיין ייִדיש. אָדער ניצט נישט ייִדיש אַזוי פֿיל אין זײַנע ווערק. איז צוליב דעם האָב איך באַשלאָסן אַז איך וועל זיך אונטערנעמען שרײַבן אַ טעזע וואָס וועט אַרײַננעמענן ייִדיש און... אָבער דאָך איז דאָס אַ גרויסע, ס'זענען דאָ עטלעכע וועגן וואָס איך האָב געקענט נאָכפֿאָלגן. האָב איך — בעל־יועץ! אַזוי זאָגט מען 'אַדווײַזער' — איז סע זענען געווען עטלעכע אופֿנים וואָס איך האָב געקענט ניצן ייִדיש.

האָב איך געטאָן עפּעס וואָס איך רעקאָמענדיר נישט, וואָס איך האָב אָנגעגעבן אויף עטלעכע סובסידיעס אָן באמת צו וויסן וואָס מײַן פֿאָרשטעמע וועט זײַן, אָבער פּשוט וויסן אין אַלגעמיין אַז איך האָב געוואָלט גיין אין פּוי— געפֿאָלט פֿאָרן אין פּוילן און מאַכן פֿאָרשאַרבעט דאָרט. פֿאַר וואָס פּוילן? ס'איז אַ גוטע פֿראַגע. איך... מײַנע קרובֿים וואָס זענען... וואָס האָבן איבערגעלייבט דעם חורבן, דאָס הייסט, מײַן זיידע מרדכי און אַזוי ווײַטער... ער איז נישט (געווען)* קיין פּוילישער ייִד. ער איז (געווען)* פֿון דער... פֿון טשערנאָוויץ וואָס איז איצט אין אוקראַיִנע, דעמאָלט געווען אין רומעניע. איז פֿאַר וואָס דווקא פּויליש, פֿאַר וואָס דווקא פּוילן, אַז מײַן משפּחה וואָס איך האָב מײַן ייִדיש פֿון זיי, זענען נישט פֿון פּוילן? און איך האָב געטראַכט אַז דאָס איז אַ גוטע— פּוילן איז אַ גוט אָרט ווו מע קען... ס'איז אַ מאָל געווען אַ וויכטיק לאַנד פֿאַר די ייִדן. ס'איז* געווען אַ סך ייִדישע ליטעראַטור פֿון דאָרטן, וויכטיקע ייִדן פֿון דאָרטן. און דווקא מײַן מאַמעס, אויף מײַן מאַמעס צד פֿון דער משפּחה — אַפֿילו אַז מײַן טאַטעס צד איז... שטאַמט נישט פֿון פּוילישע ייִדן — איז מײַן מאַמעס צד יאָ געווען פּויליש. און מערסטע פֿון זיי זענען געוואָרן אויסגעהאַרגעט אינעם חורבן. איז צוליב דעם האָב איך געהאַט אַ ביסל אַן אינטערעס אין וואָס וואָלט געקענט זײַן אַז וואָלטן איבערגעלעבט דעם חורבן. וואָס וואָלט געקענט זײַן? איז צוליב דעם, און צוליב דעם וואָס שטודירן דעם חורבן אַליין איז שטאַרק דעפּרימירנדיק, האָב איך געוואָלט אָנקוקן פּוילן נאָכן חורבן. איך האָב געוואָלט אָנקוקן ווי אַזוי מ'האָט זיך באַמיעט אויפֿצולעבן די ייִדישע קהילה דאָרט. און וואָס פֿאַר אַ מינים קולטור מ'האָט אַרויסגעגעבן אין די שפּעטע 1940ע יאָרן. איך מיין, נאָך אַ זאַך וואָס האָט באַגרעניצט ווי שפּעט איך האָב געקענט אויספֿאָרשן איז אַז מײַן פּויליש... איך האָב זיך געקויפֿט אַ 'ראָזעטאַ סטאָן' פֿאַר פּויליש, אָבער מײַן פּויליש איז נאָך אַלץ אַ ביסל שוואַך. אפֿשר אַפֿילו נאָך שוואַכער ווי טימאָטי סנײַדערס ייִדיש! איז צוליב דעם האָב איך געטראַכט אַז — און מײַן בעל־יועץ האָט מיר געזאָגט אַז — פֿאַר 1950 וועל איך קענען געפֿונען, קיין עין־הרע, גענוג ייִדישע מקורים וואָס איך קען ניצן, כאָטש איך מיין, און דעמאָלט האָבן די ייִדן אין פּוילן שוין אָנגעהויבן רעדן ווייניקער ייִדיש און מער פּויליש, וואָלט פּויליש מיר דווקא יאָ געהאָלפֿן. אָבער צוליב דעם וואָס איך שרײַב נאָר אַ פֿופֿציק־זײַטיקע אַרבעט, און נישט קיין דאָקטאָראַט, נישט 200, 300־זײַטיקע אַרבעט, קען איך זיך באַגיין אָן די פּוילישע מקורים.

איז ניץ איך די לעצטע פּאָר חודשים ייִדישיע, מערסטנס ייִדישע מקורים פֿאַר מײַנע ערשטיקע מקורים* וואָס ווען איך בין געווען אין פּוילן איבערן זומער, האָב איך אָנגעקוקט די דאָקומענטן פֿון דעם* צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די ייִדן אין פּוילן, וואָס דאָס איז געווען די הויפּט פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציע אין פּוילן פֿון 1944 ביז 1950. און איך בלעטל דורך יענע דאָקומענטן און איך קוק אָן די מינים שמועסן וואָס מע האָט געהאַט אין יענע צײַטן. אַ פּאָר אינטערעסאַנטע דאָקומענטן וואָס איך האָב געפֿונען זענען געווען שמועסן צווישן פֿאַרשידענע רבנים פֿון פּוילישע שטעט וואָס פּרוּוון רעדן מיטן* פֿאָרזיצער פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט וועגן ווי אַזוי דער* קאָמיטעט קען זיך אַ ביסל האַלטן מער צו טראַדיציאָנעלע ייִדישע וועגן לגבי כּשרות און שבת, און ס'איז זייער אינטערעסאַנט צו זען די ריכטונג אין וועלכן די צענטראַל־קאָמיטעט האָט געוואָלט גיין, דאָס הייסט נישט זייער רעליגיעז, גאַנץ סעקולער, גאַנץ וועלטלעך. און פֿאַר וואָס דאָס האָט טאַקע אָפּגעשטויסן ייִדן וואָס האָבן נישט געהאַט די זעלבע וויזיע פֿאַרן לעבן אינעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן.

איז מײַן אַרבעט... אין מײַן אַרבעט... יאָ, איצט פֿאַרשטייט איר ווי אַזוי דאָס וואָס איך רעד ייִדיש פֿון דער היים און לייען ייִדיש פֿון דער היים... צוליב דעם קען איך טאָן אַ סך פֿאָרשאַרבעט וואָס אפֿשר וואָלטן אַנדערע נישט געקענט... זיך נישט געקענט אַן עצה געבן אינעם זעלבן אופֿן. איז אַז איר פֿאַרשטייט ווי אַזוי איך ניץ מײַנע טאַלאַנטן — איך'ל נישט זאָגן טאַלאַנטן — אָבער דאָס וואָס מײַנע עלטערן האָבן מיר איבערגעגעבן, איצט וועל איך אַ ביסל רעדן וועגן מײַנע... וועגן דער טעמע וואָס איך פֿאָרש אויס.

מײַן טעמע, ווי איך האָב דערמאָנט פֿריער איז דאָס לעבן אינעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן, און איך קוק אָן בפֿירוש דרײַ פֿאַקטאָרן, וואָס איך מיין האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפֿן לעבן. די דרײַ זאַכן זענען: ערשטנס, די זכרונות פֿונעם חורבן, אָדער איבערלעבונגען פֿונעם חורבן. און אויך, ס'איז אינטערעסאַנט, מײַן בעל־יועץ האָט זייער טראַדיציאָנעלע מחשבֿות וועגן ניצן זכרונות און זכּרון ווי אַ מקור, און ער זאָגט אַז איך זאָל עס נישט רופֿן 'זכּרון', איך זאָל עס רופֿן 'איבערלעבונגען פֿונעם חורבן', און דאָס קלינגט אַ ביסל מער אמתדיק און נישט אויסגעטראַכט.
(”Wartime experiences” instead of “holocaust memory“)

איז אַזוי וועל איך איצט זאָגן*, איך וועל אָנקוקן חורבן איבערלעבונגען ווי איין פֿאַקטאָר. איך וויל אויך אָנקוקן קאָמוניזם און דער השפּעה וואָס קאָמיניזם אין פּוילן האָט געהאַט אויף דער ייִדישער קהילה אין פּוילן. און דריטנס וועל איך אָנקוקן דאָס פֿאַרלייגן* פֿון מדינת־ישׂראל און ווי אַזוי דאָס האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דער ייִדישער קהילה אין פּוילן. די זענען באמת קולטורעלע און פּאָליטישע ענינים וואָס איך קוק אָן, און ווי אַזוי די דרײַ אַספּעקטן פֿון דער איבערלעבונג צווישן 1944 און1950 אין פּוילן. די זענען אַספּעקטן וואָס איך מיין, אַלע ייִדן האָבן געפֿילט און וואָס האָבן באמת געביטן דאָס בילד פֿון פּוילן דעמאָלט.

איז איך קוק אָן עטלעכע דאָקומענטאַר פֿילמען, אָדער צוויי דאָקומענטאַר־פֿילמען: 'אונדזערע קינדער', וואָס איז געמאַכט געוואָרן* פֿון דזשיגאַן און שומאַכער, און 'מיר לעבן־געבליבענער' וואָס דאָס איז געווען אַ דאָקומענטאַר פֿילם וועגן דעם לעבן אין פּוילן פֿון די ייִדן דאָרט. און ס'איז באמת אַ שטיק פּראָפּאַגאַנדע. סע ווײַזט די ייִדן ווי שטאַרק און יונג און יוגנטלעך און פּראָדוקטיוו. און דאָס איז געווען נאָך איינע פֿון די צילן פֿונעם* צענטראַל־קאָמיטעט, איז צו גיבן דעם אײַנדרוק צו די פּאָליאַקן* וואָס האָבן אויך געוווינט אין פּוילן, אַז ייִדן זענען פּונקט ווי זיי. זיי זענען פּראָדוקטיוו, זיי זענען גרייט צו פֿאַרשטאַרקן* דער עקאָנאָמיע אין פּוילן, און די זענען אַלע געווען אופֿנים צו פֿאַרקלענערן די אַנטיסעמיטישע סענטימענטן צווישן פּאָליאַקן אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן. וואָס, ווי עטלעכע פֿון אײַך ווייסן, איז דער אַנטיסעמיטיזם נאָך אַלץ געווען אַ שטאַרקע טייל פֿונעם לעבן דאָרט. אין 1946 איז פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין קעלצע, און צענדליקע ייִדן האָט מען דערהאַרגעט צוליב עפּעס אַ קלאַנג וואָס איז צירקולירט געוואָרן, וואָס איז נישט געווען אמת, וואָס האָט געזאָגט אַז עפּעס אַ ייִד האָט געגנבֿעט אַ פּויליש קינד און אין סוף איז עס נישט געווען אמת און מע האָט דערהאַרגט צענדליקע ייִדן. אָבער דאָס איז פּשוט איין אינצידענט פֿון עטלעכע אַנדערע אַנטיסעמיטישע אינצידענטן און רייד וואָס מע האָט אַרומגעוואָרפֿן אין פּוילן.

און, וואָס נאָך? ס'איז אויך געווען די ייִדישע שריפֿטן איז געווען, האָט געהייסן דער* זשורנאַל, דער* קולטורעלער* זשורנאַל וואָס מע האָט אַרויסגעגעבן אין 1946 און 1948 מיט פּאָעזיע, מיט מעשׂות, און אַזוי ווײַטער. איז איך וועל אָנקוקן די קולטורעלע דאָקומענטן און מקורים כּדי צו באַקומען אַן אײַנדרוק... ווײַל אַוודאי קען מען שרײַבן וועגן די מיניטן פֿונעם* צענטראַל־קאָמיטעט און אַנדערע דאָקומענטן וואָס איך האָב דאָרט געפֿונען, וואָס ווי אַזוי האָט מען גערעדט, און וואָס איז די* רעטאָריק געווען אין די יאָרן לגבי ציאָניזם און קאָמוניזם און די אַנדערע טעמעס וואָס איך האָב פֿריער דערמאָנט. און נאָך אַ צוגאַנג וואָס איך וועל אויך נעמען, איז אָנקוקן די דאָקומענטאַרן און זשורנאַלן און זען ווי אַזוי דער אופֿן וואָס מענטשן האָבן געפֿילט איז אַרײַן אין די קולטורעלע ווערק. איז איך וועל ניצןביידע פֿון די צוגאַנגען כּדי אַרומצורעדן ווי אַזוי קאָמוניזם, חורבן איבערלעבונגען און די* דעקלעראַציע פֿון מדינת־ישׂראל האָבן באמת געביטן דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן. אין איינע פֿון מײַנע — און נאָך באמת אוצרות וואָס איך האָב געפֿונען איז ביכער פֿון ייִדן וואָס זענען אָדער צוריק אין פּוילן אָדער אַרײַן אין פּוילן כּדי צו שרײַבן וועגן וואָס זיי האָבן געפֿונען אין פּוילן נאָכן חורבן. איז חיים שאָשקעס, יעקב פּת, און יעקב אגת האָבן אַלע געשריבן — באַזונדער געשריבן — ווי מע זאָגט, 'טראַוועלאָגס' (נסיעה־ביכער*) פֿון זייער איבערלעבונגען צוריקגיין אין פּוילן און וואָס זיי האָבן געפֿונען. איז יאָ, איך וועל די אויך ניצן כּדי צו באַשרײַבן דאָס בילד פֿון פּוילן.

איצט האָט איר אַ ביסל אַ רושם פֿון דער אַרבעט וואָס איך טו און ווי אַזוי מײַנע קינדער־יאָרן און מײַן, דער אופֿן וואָס מע האָט מיך דערצויגן, דאָס הייסט מיט ייִדיש און מיט מוזיק באַם הײַנטיקן טאָג*, כאָטש איך טרעט נישט אויף אַזוי פֿיל אויף ייִדיש מיט טעמען ווי אַ שעכטער־טאָכטער, זענען דאָ אַנדערע אופֿנים וואָס ייִדיש און מוזיק באַווײַזן זיך אין מײַן לעבן. פֿאַר דעם, דאַנק איך* שטאַרק מײַן טאַטן, וואָס ער האָט מיר געגעבן די מתנות און זײַ מיר מוחל מאַמי, וואָס איך דערמאָן נישט די מתנות וואָס דו האָסט מיר געגעבן, אָבער באמת איז עס אַ נס וואָס איך קען אויסגעפֿונען אַזוינע וויכטיקע זאַכן פֿון געשיכטע און וואָס איך קען נעמען, אָדער שפּילן אַזוינע מוזיקאַלישע ראָלעס וואָס אַ דאַנק מײַן טאַטן, קומען זיי מיר אַ ביסל לײַכטער. און איך דאַרף זיך נישט גיין אויסלערנען ייִדיש אין אוניווערסיטעט, איך דאַרף זיך נישט אויסלערנען ווי אַזוי צו שפּילן פּיאַנע, ווײַל מײַן טאַטע האָט דאָס געטאָן פֿאַר מיר. אַ שיינעם דאַנק וואָס איר האָט זיך צוגעהערט. דאָ רעדט ריינע, זײַ געזונט!